# זי איז מסכּים צום שידוך

דעם באַרימטן פֿילאָזאָף מענדעלסאָן האָט מען גערעדט אַ שידוך מיט אַ גרויסן גבֿירס אַ טאָכטער. אַז די מיידל האָט זיך געטראָפֿן מיט מענדעלסאָן, האָט זי פֿון שידוך ניט געוואָלט הערן, ווײַל דער פֿילאָזאָף האָט געהאַט אַ הויקער פֿון פֿאָרענט און פֿון הינטן. די מיידל איז אָבער מענדעלסאָנען שטאַרק געפֿעלן, און ער האָט געוואָלט זי האָבן פֿאַר אַ ווײַב. פֿאַרן געזעגענען זיך האָט ער איר געפֿרעגט אויב אַ זיווג איז אַ הימל־זאַך. די מיידל איז געווען אַ פֿרומע און געענטפֿערט: ”יאָ.“ ”אויב אַזוי,“ האָט דער פֿילאָזאָף געזאָגט, ”זײַ וויסן אַז פֿערציק טעג איידער דו ביסט געבוירן געוואָרן, האָב איך געהערט אויסרופֿן אין הימל אַז דו וועסט מײַן באַשערטע זײַן. איך האָב דיר דערזען, האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ שרעק, זעענדיק דיר מיט צוויי הויקערס. איך האָב גענומען וויינען און בעטן מען זאָל מיר געבן אַן אַנדער ווײַב, אַ שיינע. האָט מען מיר געענטפֿערט אַז עס איז שוין פֿאַרפֿאַלן, די מיידל מוז דײַן ווײַב זײַן. נאָר אויב דו ווילסט דווקא האָבן אַ שיינע ווײַב, דאַן קענסטו זיך בײַטן מיט איר, נעם צו איר הויקער, וועט זי בלײַבן אַ שיינע און דיר וועט דײַן חכמה באַשײַנען. האָב איך דערויף מסכּים געווען, אַבי דיר צו האָבן פֿאַר אַ ווײַב.“ דאָס איז דער מיידל שטאַרק געפֿעלן, און האָט גלײַך אײַנגעשטימט צו ווערן זײַן ווײַב.